ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## בְּהַר בְּחֻקֹּתַי

תשפ"ג

299

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גֶעוֶוען הַיינְט אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין חֶדֶר ........................................א

ווִי אַזוֹי זִיצְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט גֶעשְׁווִיסְטֶער וָואס רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל?..........ג

מֶעג אִיךְ מַאכְן מַיינֶע פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל אוּם שַׁבָּת נָאךְ דִי מִקְוֶה?..........ד

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט דִי זִיסֶע טַעַם פוּן גַן עֵדֶן..........א

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס..........א

דַיין שִׁידוּךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן ..........ב

וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..........ב

דִי מְפִיצִים זֶענֶען בַּיי מִיר דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע ..........ב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר ..........ג

זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב ..........ג

שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף..........ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת ..........ד

פּוֹעֵלְ׳ן בַּיי זִיךְ אָנְהוֹיבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה..........ד

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין מְשַׁמֵשׁ צוּ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן..........ה

גוּטֶע קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיף בּוֹים ..........ה

תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן נַאטוּר, עֶס קֶען אַלֶעס טוּישְׁן ..........ו

מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס ..........ו

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת..........ו

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ..........ז

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ ..........ז

זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע, עֶרְלִיכֶע, אִידִישֶׁע שְׁטוּב..........ח

בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט ..........ח

דָאס בִּיסְל וָואס מִיר זֶענֶען מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז ..........ח

בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי און צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן ........ ט
זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא און זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן ........ ט
מִיר פָארְן קַיין פוֹילְן, צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת ........ י
נָאר טְרַאכְטְן פוּן הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד וְוִיסְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת ........ י
טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ און דַיין וַוייבּ זֶענֶען זוֹכֶה מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן ........ י
גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִּיקִים, פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט ........ יא
לֶערְנְ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא וַהֲלָכָה, און זִינְג תְּהִלִּים ........ יא
פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים הַנִּקְרָאִים חַיִּים ........ יב
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אַלֶע דַיינֶע בַּקָשׁוֹת ........ יב
אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, און בַּאזוּנְדֶער בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן ........ יג
מִיר אִיז אַ וואוּנְדֶער אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ צֶעבְּרָאכְן ........ יג
מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּ דִי צַדִּיקִים אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן ........ יד
זַיי שְׁטַארְק, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דַיין יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט ........ יד
זִיךְ נִישְׁט וְוִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן אַ מְנֻוָּל, און נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן קַיין פַּחַד ........ טו
מֻתָּר זַיין אוֹיף דִי גֶעלְט אַבִּי דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אֵיין וואוֹינוּנְג ........ טז
וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פְּנֵים זַיין מָשִׁיחַ מִיט דֶעם קְלֵייד? ........ יז
אוֹיבּ דוּ טוּסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בִּיטֶערְן סוֹף ........ יח
דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס גֶעבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........ יט
אוֹיפְנֶעמֶען עֶרְלִיכֶע לֶערֶערִינְס ........ יט
אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט, קֶען מֶען אִים נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן ........ כ
מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי לֶערֶערִין אִין דִי גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער ........ כא
דוּ ווִילְסְט זַיין גֶעזוּנְט? זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי פְּחָדִים ........ כב
בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב דִי וָואס גְרוֹיסְן זִיךְ נִישְׁט און מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק אַנְדֶערֶע ........ כג
אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת ........ כד
עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ ........ כו
אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם גֶעפִיל וָואס אִיר הָאט פַאר דִי מוֹסְדוֹת ........ כז
דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ ........ כז
חִיזּוּק יוֹמִי הַמְתוּרְגָם, אִיז יֶעצְט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע און גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה ........ כח
מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג שִׁיקְן דִי חִיזּוּק יוֹמִי הַמְתוּרְגָם ........ כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גֶעוֶוען הַיינְט אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין חֵדֶר**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

הַיינְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין חֵדֶר. אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע קִינְדֶער מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵייעֶר עִבְרִי אוּן זֵייעֶר אוֹיפְפִירוּנְג.

אִין חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג שֵׁיין, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיֶּלֶד ... אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער גֶעוָוארְן אִין עִבְרִי.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בֶּענְק מִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אַ מְלַמֵּד אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, אַזוֹי וַוייט אַז אַ מְלַמֵּד טְרָאגְט דֶעם זֶעלְבְּן טִיטְל וָואס מִיר זָאגְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל: "הַ'מְלַמֵּד' תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל".**

**שֵׁנִית, ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִינֶעם מְלַמֵּד; אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעדוּלְד - זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים**

אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, דֶער טָאג אִיז אַ הֶערְלִיכֶער טָאג, אוּן אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז נֶערְוֶועז, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶענוּג יֶענֶע נַאכְט, אָדֶער נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין פַּת שַׁחֲרִית, אָדֶער עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ שְׁוֶועריִקייט וְכוּ'- וֶוערְט עֶר אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיטָאמַאטִישׁ; צִי עֶר וִויל יָא צִי עֶר וִויל נִישְׁט, אוּן דָאס קְלַאפְּט אוֹיס אוֹיף דִי קִינְדֶער, בִּיז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעפֶערְלִיךְ; אָבֶער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער טֵייעֶר אוּן לִיכְטִיג, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם מְלַמֵּד.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף יז) אַז אַ מְלַמֵּד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵּף זַיין; מֶען דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן, זַיין זַאט אוּן אוֹיסְגֶערוּט - כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועז פַאר דִי קִינְדֶער. וַוייל אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אִיז מִיד, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג - קֶען עֶר שְׁנֶעל וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶר קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן וְכוּ'. אָדֶער אַז אַ מְלַמֵּד עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג - קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

וואוֹיל אִיז דֶעם מְלַמֵּד וָואס גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵייט אוֹיף צַייטְלִיךְ, נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. עֶר גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדֶערְפְרִי, עֶר בֶּעט פַאר יֶעדְן קִינְד. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, רֶבִּי יַעֲקֹב קַאלְמָאנָאוִויטְשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה: "ר' יַעֲקֹב מְלַמֵּד". עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען מִיט טְרֶערְן פַאר זֵיי, אוּן מֶען זָאגְט אַז קֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, וַוייל עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועזְן פַאר זֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי.

וֶועסְטוּ זֶען, אַ טָאג וָואס דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן פְּרִי, דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף צַייטְלִיךְ אוּן דוּ גֵייסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן יֶעדְן קִינְד - וֶועט זַיין דֶער טָאג אַ גְרִינְגֶע שֵׁיינֶע טָאג, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער, וַוייל אַלֶעס אִיז תָּלוּי אִינֶעם מַצָּב רוּחַ פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן אִין תְּפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי זִיצְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט גֶעשְׁווִיסְטֶער וָואס רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער וָואס רֶעדְן זֵייעֶר נִישְׁט אֵיידְל, זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִצְלָן; אַ גַאנְצֶע וָואךְ רֶעד אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מִיט זֵיי, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי זִיצְן אוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן פוּן מָאוּיס, מַיין טַאטֶע זִינְגְט שְׁטִילֶערְהֵייט דִי זְמִירוֹת פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן צוּמָאל פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ זָאגְן עֶפֶּעס אַ דְּבַר תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, אוּן אִיךְ בִּין יֶעדֶע וָואךְ פוּן פְרִישׁ אִין אַ פַּארְלֶעגְנְהֵייט אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען אִין אַזַא מַצָּב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף כִּיבּוּד אָב, דוּ זִיץ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין הַכְנָעָה בַּיים טִישׁ, אוּן וֶוען דַיין טַאטֶע רֶעדְט דִּבְרֵי תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּהֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן, אוּן וֶוען עֶר זִינְגְט זְמִירוֹת - זָאלְסְטוּ מִיט זִינְגֶען שֵׁיין מִיט אִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קד): "זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט".

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער; עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ מוּסָר'ן, אֵיין וֶועג אִיז - זָאגְן יֶענֶעם מוּסָר אִין פָּנִים. דָאס קֶענֶען מִיר נִישְׁט טוּן; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח): "כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ אֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ", וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר אִיז דָאס זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, ווַייל אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, "אֲזַי לֹא דַי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ, אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ", נִישְׁט נָאר מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט דִי מוּסָר, נָאר מֶען מַאכְט גָאר

עֶרְגֶער, מֶען מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "כְּמוֹ כְּשֶׁמֵּנָּח אֵיזֶה דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ רֵיחַ שֶׁאֵינוֹ טוֹב, כָּל זְמַן שֶׁאֵין מְזִיזִין אוֹתוֹ הַדָּבָר, אֵין מַרְגִּישִׁין הָרֵיחַ רַע", אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע גֶערוּךְ, ווִילַאנְג מֶען לָאזְט דָאס שְׁטֵיין, מֶען רוּקְט דָאס נִישְׁט - שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "אֲבָל כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהָזִיז אוֹתוֹ הַדָּבָר אֲזַי מְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע", אָבֶער וֶוען מֶען הוֹיבְּט דָאס אָן רִירְן - הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "כְּמוֹ כֵן עַל יְדֵי תּוֹכָחָה שֶׁל מִי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ, עַל יְדֵי זֶה מְזִיזִין וּמְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע שֶׁל הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים שֶׁמּוֹכִיחָם, וְעַל כֵּן הוּא מַבְאִישׁ רֵיחָם", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, וֶוען עֶר הוֹיבְּט אָן מוּסָרְ'ן - מַאכְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וֶועם עֶר מוּסָר'ט, "וְעַל יְדֵי זֶה הוּא מַחֲלִישׁ אֶת הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלָּהֶם וְעַל יְדֵי זֶה נִפְסָק הַשֶּׁפַע מִכָּל הָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בְּאֵלּוּ הַנְּשָׁמוֹת", עֶר מַאכְט חָרוּב דִי מֶענְטְשְׁן, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן זֵיי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן נָאךְ אַ וֶועג פוּן מוּסָרְ'ן, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין - בַּאקוּמְט יֶענֶער אוֹיךְ מוּסָר; יֶענֶער ווִיל דָאךְ אוֹיךְ זַיין גוּט. דָאס זָאל זַיין דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּב; דוּ רֶעד אֵיידְל אוּן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זֵיי אַלֶע מְקָרֵב זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג אִיךְ מַאכְן מַיינֶע פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל אוּם שַׁבָּת נָאךְ דִי מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֵיי שַׁבָּת אִין מִקְוֶה מַאךְ אִיךְ נָאכְדֶעם מַיינֶע פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן דֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ עֶס אִיז

בֶּעסֶער אַז אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֵיין שַׁבָּת אִין מִקְוֶה, אָדֶער אִיז דָא עֶפֶּעס אַן הֶיתֵּר צוּ מַאכְן דִי פֵּיאוֹת מִיט אַ קֶעמְל אוּם שַׁבָּת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מִקְוֶה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה״ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא), וֶוען מֶען וויל מְתַקֵן זַיין וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּכְלָלִיוּת, אוּן בִּפְרָטִיּוּת אִין פְּגַם הַבְּרִית - אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ ׳מִקְוֶה׳. נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״, אַז מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - אִיז מֶען מְבַטֵּל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): ״הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין״, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה - נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים.

אַ קֶעמְל אִיז מֻקְצֶה, עֶס אִיז חִלּוּל שַׁבָּת; מֶען טָאר נִישְׁט נוּצְן אַ קֶעמְל שַׁבָּת (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שג, סְעִיף כז).

שַׁבָּת אִיז שֵׁיין פֵּיאוֹת וָואס אִיז נִישְׁט גֶעקֶעמְט. גֵיי אִין מִקְוֶה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם קֶעמֶען דִי פֵּיאוֹת, אוּן אַז מֶען זֶעט שֵׁיינֶע גֶעקֶעמְטֶע פֵּיאוֹת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - אִיז דָאס נִישְׁט שֵׁיין, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט דִי זִיסֶע טַעַם פוּן גַן עֵדֶן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - חוֹדֶשׁ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט סֵפֶר תְּהִלִּים אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צוּ מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט; אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי אַלֶע.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב) וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - שְׁפִּירְט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט דִי זִיסֶע טַעַם פוּן גַן עֵדֶן, עֶס וֶוערט לִיכְטִיג, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**טֵייעֶרער לִיבֶּער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי דַף גְמָרָא הַיּוֹמִי - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**דַיין שִׁידוּךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת צַו, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פִיר זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דַיין שִׁידוּךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל; אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן.

דוּ טוּ דַיינְס, דוּ לֶערְן, דַאוְונֶען אוּן טוּ חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ זֵייעֶר.

...

**וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס דוּ דַארְפְסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה.

...

**דִי מְפִיצִים זֶענֶען בַּיי מִיר דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה. דִי מְפִיצִים זֶענֶען בַּיי מִיר דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע, זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם אוּן בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה.

זַיי שְׁטַארְק, הָאבּ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר.

...

## זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב אוּן פוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס.

...

## שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין וִוילְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען אוּן בֶּעטְן - צוּ זַיין גוּט.

שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הוֹיבְּט נָאכְאַמָאל אָן; דֶער וָואס פַּאלְט נִישְׁט - אִיז נִישְׁט שְׁטַארְק, דֶער אִיז אַ מַלְאָךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל דָאס אִיז וָואס עֶר וִויל זֶען, וִוי פוּן אוּנְזֶערֶע שְׁוַואכֶע נִסְיוֹנוֹת דִינֶען מִיר אִים.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת.

...

### פּוֹעֵלְ׳ן בַּיי זִיךְ אָנְהוֹיבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת.

דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה וֶועט זַיין אַז מִיר וֶועלְן בַּיי זִיךְ פּוֹעֵלְ׳ן אָנְהוֹיבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן דַיין גַאנְץ לֶעבְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**גוּטֶע קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גוּטֶע קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט אוֹיפְן בּוֹים, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמֶען דוּרְךְ אַסאַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶלְטֶערְן וָואס בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַאר דִי קִינְדֶער - וֶועלְן זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, וֶועסְטוּ שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

...

### תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן נַאטוּר, עֶס קֶען אַלֶעס טוּישְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן.

תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן נַאטוּר, פוּן טֶבַע; עֶס קֶען אַלֶעס טוּישְׁן.

וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה אוּן הָאט סַבְלָנוּת - אִיז זוֹכֶה אַלֶעס צוּ פּוֹעֵלְ׳ן.

...

### מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה אוֹיף פּוֹילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פּוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער נְסִיעָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הָארְץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי״ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו). אוֹיךְ זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע, עֶרְלִיכֶע, אִידִישֶׁע שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע, עֶרְלִיכֶע, אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

...

### בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן, דָאס אִיז אַ גוּטֶע הֲכָנָה פַאר דַיין חֲתוּנָה, זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט נָאךְ דַיין חֲתוּנָה בְּלַייבְּן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן - וֶועסְטוּ אוֹיךְ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### דָאס בִּיסְל וָואס מִיר זֶענֶען מְשַׁמֵשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה צוּ דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים קַיין פּוֹילְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת פַּאר אַנְדֶערֶע. טְרַאכְט אַריין, וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז, בַּאלְד לֵייגְט מֶען אוּנְזֶער גוּף, אוּנְזֶערֶע בֵּיינֶער אוֹיפְן בֶּערְגֶל, נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מִיר זֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן - דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי אוּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי אוּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי׳ן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אִין פּוֹילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דִיר.

...

**מִיר פָאהְרְן קַיין פּוֹילְן, צוּ פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן, מִיר פָאהְרְן קַיין פּוֹילְן פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאהְרְן הֶעלְפְן, בִּפְרַט וָואס דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה, בִּזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ הָאבְן הַצְלָחָה.

...

**נָאר טְרַאכְטְן פוּן הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד וִויסְן פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאל זַיין אֵיין שְׁטִיק הֲפָצָה, זָאלְסְט נָאר טְרַאכְטְן פוּן הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד וִויסְן פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זֶענֶען זוֹכֶה מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקִים, פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אוֹיף דִי וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר פָארְן יֶעצְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, תַּלְמִידֵי הַמַּגִיד וְתַלְמִידֵי תַּלְמִידֵי הַמַּגִיד, צַדִיקִים קְדוֹשִׁים וָואס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן נִישְׁט רוּעֶן בִּיז מִיר וֶועלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ קוּמְסְט מִיט.

...

## לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן זִינְג תְּהִלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, מוֹסְדוֹת וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן זִינְג תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

**פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים הַנִּקְרָאִים חַיִּים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר פָארְן יֶעצְט צוּם הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן דַיין מַאמֶע׳ס זַייט. אוֹיךְ הָאסְטוּ אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אוֹיף דִי תְּשׁוּבוֹת פוּן הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִּים הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים הַנִּקְרָאִים חַיִּים.

פוּן דַיין טַאטֶע.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אַלֶע דַיינֶע בַּקָשׁוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ - אַלֶע דַיינֶע בַּקָשׁוֹת; וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן בַּאזוּנְדֶער בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, אוּן בַּאזוּנְדֶער בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן הַקוֹדֶשׁ בֶּעט אִיךְ בַּאזוּנְדֶער פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אִיר זָאלְט נִפְקַד וֶוערְן בְּזֶרַע שֶׁל קַיָּמָא.

יֶעצְט פָּארְן מִיר קַיין פּוֹילְן וֶועלְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים זָאלְן מִיר הָאבְּן יְשׁוּעוֹת.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דִיר.

...

**מִיר אִיז אַ וואוּנְדֶער אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ צֶעבְּרָאכְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן.

דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק בֶּאֱמוּנָה דוּרְךְ דִיר, מִיר אִיז אַ וואוּנְדֶער אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ צֶעבְּרָאכְן; טוֹיזְנְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק פוּן דִיר - דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּ דִי צַדִּיקִים אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, י״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פּוֹעֵל׳ן אַלֶעס גוּטְס בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וואוּ מִיר פָארְן יֶעצְט, אוּן מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּ דִי צַדִּיקִים אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן.

...

**זַיי שְׁטַארְק, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דַיין יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעקוּמֶען צוּ דִי נְסִיעָה קַיין פּוֹילְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט שׁוֹין אוֹיסְ׳פּוֹעֵל׳ן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

זַיי שְׁטַארְק, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, דַיין יְשׁוּעָה אִיז זֵייעֶר נָאנְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דִיר.

...

**כַאפּ אַ טֶענְצְל אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

כַאפּ אַ טֶענְצְל אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר בָּחוּר, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין פֶעלְד אוּן זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן? גֶעלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוּן לֶערְנֶען קֶען אִיךְ נִישְׁט, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ, אִיךְ קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן

מִיט דִיר, אִיךְ קֶען טַאנְצְן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד", און עֶר פְלֶעגְט טַאנְצְן מִיט אַזַא שִׂמְחָה; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "דֶער בָּחוּר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַלֶעמֶען אַלֶע דִינִים".

דוּ מוּזְט טַאנְצְן, עֶס קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן אַ מְנֻוָּל, אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן קַיין פַּחַד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט הָאט אִיר גֶעטוּן אַז אִיר זֶענְט גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם מְנִיוָול; דָאס אִיז דִי עֵצָה וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן אוּן נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן קַיין שׁוּם פַּחַד אוּן מוֹרָא.

אִיר ווִילְט ווִיסְן וָואס אִיז דִי עֵצָה נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן? אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה דִי מַעֲשֶׂה זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן קָאפּ? דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "דִי עֵצָה קֶעגְן רְשָׁעִים אִיז - שֶׁלֹּא לִפְחוֹד", דָאס אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן', מֶען חַזֶר'ט זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען עֶס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִין הַארְץ פִּינְטְלֶעךְ פוּן פְּחָדִים, בֶּעט מֶען פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיט מִיר", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּם מִיט מִיר", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר דִי פְּחָדִים, אִיךְ זָאל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה".

אֱמוּנָה אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פַּחַד פוּן זִיךְ, אוּן אַז אֵיינֶער שְׁטֶעלְט אָפּ אִין גַאס אוּן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן - הָאט נִישְׁט מוֹרָא, הָאט נִישְׁט קַיין פַּחַד, אוּן פוּן הַיינְט אוּן ווייטֶער, אַז אַ מַאנְסְפֶּערְזָאן שְׁטֶעלְט אַייךְ אָפּ אִין אַ שְׁטִילֶע גַאס פְּרֶעגְן פְּרַאגֶעס - זָאלְט אִיר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, נָאר ווייטֶער גֵיין; לָאזְט אַ צְוֵוייטְן אִים עֶנְטְפֶּערְן זַיינֶע פְּרַאגֶעס.

יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט גֶעהַאט אַזַא שׂוֹידֶערְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג - וֶועט אִיר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וואוּנְדֶערְן פַאְרוָואס מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל רֶעדְן פוּן קְדוּשָּׁה אוּן פוּן זִיךְ הִיטְן פוּן מְנִיוָולִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דִי גֶעלְט אַבִּי דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אֵיין וואוֹינוּנְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ אוּן דַיין אֵשֶׁת חַיִל, בֵּיידֶע פוּן עֶנְק - אַרְבֶּעטְן אִיבֶּערְמִידְלִיךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁטוּבּ, אַ רוּאִיגֶע שְׁטוּבּ, אוּן דוּ זָארְגְסְט פַאר אִירֶע קִינְדֶער אוּן זִי זָארְגְט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אַ מְחַיֶּ' צוּ זַיין אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם. מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַזַא שְׁטוּבּ; ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם.

אַז מֶען נֶעמְט אַריין אִין שְׁטוּבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער. מֶען קֶען טוּן אוּן מַאכְן, דִי כֹּחַ נוּצְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים וָואס אִיז גֶעוֶוען לְמַעְלָה מִן הַמָּקוֹם. אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט אִיז שְׁוֶוער אֲפִילוּ מִיט אֵיין קִינְד, אוּן אֲפִילוּ אָן קִינְדֶער; אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדֶע רִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער אִיז - זֵיי זָאלְן זַיין אִין אֵיין פְּלַאץ, בַּיי אֵיין שְׁטוּב, און יֶעדֶע צְוֵוייטֶע שַׁבָּת קֶענֶען זֵיי גֵיין צוּם אַנְדֶערְן. דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ זֵיי וואוֹינֶען בַּיים טַאטֶען - זָאלְן זֵיי וואוֹינֶען בַּיי אִים און גֵיין יֶעדֶע צְוֵוייטֶע שַׁבָּת צוּם מַאמֶען, און אַז מֶען וואוֹינְט מִיט דִי מַאמֶע - קֶען מֶען גֵיין יֶעדֶע צְוֵוייטֶע וָואךְ צוּם טַאטֶן.

קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין בָּאלִי, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אַ הַאלְבֶּע וָואךְ דָא און אַ הַאלְבֶּע וָואךְ דָארְט, דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט, בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן; קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן אֵיין שְׁטוּבּ, אַ וַוארֶעמֶע וואוֹינוּנְג און אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע וואוֹינוּנְג.

לָאז זִיךְ נִישְׁט, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, און אוֹיבּ דִי סִיבָּה פַארְוָואס יֶענֶער פַארְדְרֵייְדט דֶעם קָאפּ אִיז וַוייל עֶר וִויל זִיךְ פַּטְרְ'ן פוּן צָאלְן קִינְדֶער גֶעלְט - זָאלְסְטוּ מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דִי גֶעלְט אַבִּי דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אֵיין וואוֹינוּנְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מָשִׁיחַ מִיט דֶעם קְלֵייד?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דִי פְּרַאגֶעס, צְנִיעוּת אִיז אַ גֶעפִיל זִיךְ; נִישְׁט אַלֶע זֶענֶען זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם, נָאר אַז מֶען אִיז אֵיידְל הָאט מֶען אַ גֶעפִיל אִין דֶעם.

אַז אִיר הָאט אַ שְׁאֵלָה אוֹיף אַ קְלֵייד, אַ שִׁיךְ וְכַדּוֹמֶה - זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ: 'אִיךְ בִּין אִין גַאס, אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, און אִיךְ הֶער דִי נֵייעֶס, מָשִׁיחַ אִיז דָא; וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין מָשִׁיחַ מִיט דֶעם קְלֵייד? וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט מָשִׁיחַ זָאל מִיךְ זֶען מִיט דִי שִׁיךְ, מִיט דֶעם קָאפּ צוּדֶעק?'

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין צוּפְרִידְן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה כַאפְּט מִיךְ אָן אוּן נָאכְדֶעם ווִיל אִיךְ לוֹיפְן צוּם גוֹי טָמֵא, אִיךְ ווִיל אוֹיסְקוּקְן ווִי זֵיי, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיבּ דוּ טוּסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בִּיטֶערְן סוֹף**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִילְסְט עֶנְדִיגְן דַיין לֶעבְּן אִין תְּפִיסָה? וָואס אִיז מִיט דִיר?! דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן לג): "וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכָר, וֶועט צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה"; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן ח): "מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אֵיינֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכוּר".

דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר, אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", עֶר פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וָואס אִיז מִיט דִיר, דוּ הָאסְט דָאךְ אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; דוּ ווִילְסְט דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן? דוּ ווִילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר? אוֹיבּ דוּ טוּסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה זָאג אִיךְ דִיר יֶעצְט פוּן פָארְאוֹיס ווִי אַזוֹי

דַיין סוֹף וֶועט זַיין, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט הָאבְּן; נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

...

## דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס גֶעבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַזַא הַאקֶעלֶע פְּרַאגֶע דַארְף מֶען פְרֶעגְן אַ גְרוֹיסֶער רַב וָואס הָאט עֶרְפַארוּנְג אִין דִי זַאכְן.

אוֹיבּ אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי זֵיי זָאגְן וְכוּ׳ - דַארְף מֶען דָאס מוֹדִיעַ זַיין אֵיידֶער מֶען טוּט אַ שִׁידוּךְ, דִי צַד הַכַּלָּה דַארְף וִויסְן אוּן מַסְכִּים זַיין וְכוּ׳; דִי פְּרַאגֶע אִיז נָאר אוֹיבּ אִיז טַאקֶע וָואר וָואס זֵיי זָאגְן.

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן. דִי אָרְגַאנִיזַאצְיֶעס גֶעבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זֵיי קֶענֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן, קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט אַלֶעס וָואס זֵיי זָאגְן אִיז וָואר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיפְנֶעמֶען עֶרְלִיכֶע לֶערֶערִינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט נֶעמֶען לֶערֶערִינְס נָאר וָואס הָאבְּן אַ כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן; בְּלֵית בְּרֵירָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶערֶערִינְס - דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען זִיךְ אוֹיס נִישְׁט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם טֶעלֶעפָאן אִין קְלַאס, אָבֶּער לְכַתְּחִילָה זָאלְן זַיין לֶערֶערִינְס וָואס הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר נֶעמֶען לֶערֶערִינְס וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן דִּבְרֵי חַיִּים׳ס צִיּוּן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דָארְט פַאר אוּנְזֶער סְקוּל, פַאר אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת - אַלֶע זָאלְן זַיין הֵיילִיג, אַלֶע זָאלְן זִיךְ שֶׁערְן; אִיךְ וִויל עֶס זָאל זַיין אַ בְּרָכָה אִין סְקוּל.

אֲפִילוּ בַּיי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, בַּיי דִי בֶּעבִּי סִיטֶער - זָאלְן זַיין פְּרוּוּעֶן וָואס זֶענֶען אָפְּגֶעשָׁארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט, קֶען מֶען אִים נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער מְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ ...; בּוֹי אִים אוֹיף אוּן גֶעבּ אִים אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער. עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף קוּמֶען שְׁפֶּעט, דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען יָא צַייטְלִיךְ - אִיז דָאס אוֹיךְ נָאר וַוייל ׳מַה יֹּאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת?׳ דִי עֶלְטֶערְן יָאגְן דִי קִינְדֶער: ״גֵיי צַייטְלִיךְ, וַוייל בַּאלְד וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט צַייטְלִיךְ״; אַלֶעס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף ׳מַה יֹּאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת?׳ דָאס אַלֵיינְס צֶעבְּרֶעכְט דִי קִינְדֶער, בַּאלְד וֶועט מֶען רֶעדְן אוֹיף אוּנְז, בַּאלְד וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אוּנְז.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר, בַּאנוּץ זִיךְ מִיט שֵׂכֶל אוּן דוּ זָאלְסְט נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים, אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט - קֶען מֶען נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן דֶעם קִינְד, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט קַנְסְ׳עֶנֶען דֶעם קִינְד, מֶען דַארְף דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן מְנַהֵל.

יֶעצְט דֶערְצֵיילְט מִיר אַ מַאמֶע, אִיר קִינְד אִיז גֶעוֶוען שְׁפֶּעט. דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין חֵדֶר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר אִיז שְׁפֶּעט אוּן עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין, דִי מַאמֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״מֶען מוּז גֵיין אִין חֵדֶר״. דֶער

קִינְד אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב, דִי מַאמֶע הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ גֶעדְרֵייְדט עֶרְגֶעץ וואו. בַּיינַאכְט פְרֶעגְט דִי מַאמֶע: "וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען חֵדֶר?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען"; דִי מַאמֶע אִיז גֶעוָוארְן דֶערְשְׁרָאקֶן אוּן פַארְלוֹירְן. יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס זָאל אַ קִינְד מוֹרָא הָאבְּן צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר שְׁפֶּעט, אַז עֶר גֵייט זִיךְ בַּאהַאלְטְן? מוּז זַיין אַז דֶער רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף מִיר; זַיי מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ. אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מוֹסָד וָואס אַרְבֶּעט סִיסְטֶעמַאטִישׁ, אִיךְ וִויל יֶעדֶער מְלַמֵּד, יֶעדֶע לֶערֶערִין זָאל הָאבְּן אַ וֶועג בַּאזוּנְדֶער מִיט יֶעדְן קִינְד.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו, הַלְוַאי וָואלְסְטוּ עֶס אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע בְּרִיוו צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט דָארְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער..., יֶעצְט בִּיסְטוּ מְנַהֵל; נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט ר' מָרְדְּכַי. זַיי מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים, גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן זֶע אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי לֶערֶערִין אִין דִי גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַודַאי זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר דִי לֶערֶערִין אַז אוֹיבּ זִי וִויל אַייךְ בַּאמֶערְקְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיר טוּט נִישְׁט גוּט - זָאל דָאס זַיין פְּרִיוַואט, נִישְׁט וֶוען דִי מֵיידְלֶעךְ אָדֶער מַאמֶעס הֶערְן.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ לֶערֶערִין אִין פָּארְנְט

פוּן דִי תַּלְמִידוֹת - צוּ רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז מֶען דַארְף עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן, מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר - טָאר דָאס נִישְׁט זַיין אִין גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי תַּלְמִידוֹת, מֶען דַארְף רֶעדְן שַׁיין צוּ דִי לֶערֶערִין אִין דִי גֶעגְנְוַוארְט פוּן דִי קִינְדֶער.

אַז אִיר ווִילְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידוֹת - אִיז דָא אֵיין וֶועג; עֶס זָאל זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, אַן אַיינְגֶענֶעמֶע אַטְמֶעסְפֶער צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער. דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי הֶערְצֶער אָפְן, דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי מְקַבֵּל וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דוּ ווִילְסְט זַיין גֶעזוּנְט? זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי פְּחָדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי סְפִירָה פוּן נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ, דָאס אִיז וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכח): "אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן", אוּן דָאס גֵייט אָן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם; מֶען דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּפִירְן, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַּאלְן דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְהֵייבְּן.

דוּ ווִילְסְט זַיין גֶעזוּנְט? זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי פְּחָדִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גוּף קָשֶׁה", דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער מֶענְטְשׁ, "פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", אוֹיבּ הָאט עֶר פְּחָדִים - וֶוערְט עֶר צֶעבְּרָאכְן; דַיינֶע פְּחָדִים, דַיינֶע שְׁרֶעק - לָאזְט דִיךְ נִישְׁט לֶעבְּן, דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן ׳אִיךְ הָאבּ יֶענֶע מַעֲשֶׂה׳, ׳אִיךְ הָאבּ דִי מַעֲשֶׂה׳; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם מַעֲשִׂיּוֹת, דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ נָאר טְרַאכְטְן אַ פְּרָאצֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיפִיל דוּ טְרַאכְסְט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט.

זַיי פְרֵיילִיךְ, מֶעגְסְט הֶערְן מוּזִיק. דִי פּוֹסְקִים שְׁרַייבְּן, אַזַא אֵיינֶער וָואס

איז פַאר׳דַאֲגָה׳ט און דֶערְשְׁרָאקְן – מֶעג הֶערְן מוּזִיק בִּימֵי הַסְּפִירָה. גֵיי אַ טֶעְנְצְל "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", גֵיי אַ טֶעְנְצְל "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", גֵיי אַ טֶעְנְצְל "אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט".

זוּךְ נִישְׁט אוֹיף אִין דַיין גוּף סִימָנִים, זוּךְ נִישְׁט קַיין בָּאמְפֶּס, לָאז אָפּ דִי דִמְיוֹנוֹת וַוייל דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב דִי וָואס גְרוֹיסְן זִיךְ נִישְׁט און מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק אַנְדֶערֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ׳ הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַייעֶר נָאמֶען אַז אִיר זֶענְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע תַּלְמִידָה. אִיר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אִיר זֶענְט יֶעדְנְ׳ס חַבֶרְ׳טֶע. אוֹיךְ זָאגְט זִי אוֹיף אַייךְ אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג און זֵייעֶר אֵיידְל. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוֹסְן אוֹיף אַייךְ, הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן דִי כִּתָּה אַייךְ נָאכְמַאכְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא חֶשְׁבּוֹנוֹת, פָּאלִיטִיק - צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ; דִי גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף דֶעם און דִי מַאכְט אַוֶועק דֶעם, אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי זַאכְן. בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב נָאר דִי תַּלְמִידוֹת וָואס גְרוֹיסְן זִיךְ נִישְׁט און מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק אַנְדֶערֶע.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר דִי מְנַהֶלֶת און פַאר אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, און אוֹיךְ פַאר דִי חַבֶרְ׳טֶעס; זָאלְן זֵיי זֶען וָואס אִיז חָשׁוּב אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, און זִיכֶער וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת, עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן אוּנְז.

...

### אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר בַּיים תַּנָא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִין מִירוֹן. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אַפָּאר טֶעג פְרִיעֶר צוּ קֶענֶען מַאכְן דִי בַּר מִצְוָה פוּן מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין מִירוֹן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן. יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי זוּמֶער טֶעג דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן. אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן - הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אִין דִי הַיינְטִיגֶע סְפִירָה, כ"ח יוֹם - הָאט מֶען אִינְזִין דֶעם שֵׁם בט"ר צת"ג, דֶער שֵׁם אִיז אַלֶע בְּרָכוֹת, דָאס קוּמְט נָאךְ כְּבָבַת שָׁמְרֵם; אַז מֶען הִיט דֶעם בַּת עַיִן, אוֹיבּ עֶס אִיז כְּבָבַת שָׁמְרֵם - מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת - דֶעמָאלְט קוּמְט בָּרְכֵם - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט, טַהֲרֵם - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֵיינִיגְט, רַחֲמֵי - עֶר הָאט רַחְמָנוּת, אוּן צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם - עֶר גֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג פוּן זַיין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. צוּ דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ מַלְכוּת שֶׁבַּנֶּצַח; מַלְכוּת דָאס אִיז דִי אֱמוּנָה, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה. נֶצַח, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן רֶבִּי'ן; דוּרְךְ דִי אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, בֶּעטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן; ווַייל נָאר דוּרְךְ קְדוּשַׁת עֵינַיִם קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט אִין דִי מַעֲרָה אִין מִירוֹן, נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל זוֹהַר פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, פַּרְשַׁת אֱמוֹר. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען דֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (דף צ:) רַבִּי אֶלְעָזָר אִיז גֶעוֶועֶן בַּיי זַיין שְׁוֶוער אוּן דִי אוֹיגְן הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן, אוּן עֶפֶּעס אֵיינֶער, אַ מֶענְטְשׁ, וָואס

איז גֶעוֶוען בְּלִינְד אוֹיף אֵיין אוֹיג - אִיז אַרִיבֶּער דִי שְׁטוּב פוּן זַיין שְׁוֶוער. זָאגְט דֶער שְׁוֶוער פַאר רֶבִּי אֶלְעָזָר: "לָאמִיר פְרֶעגְן דֶעם אִיד, אֶפְשָׁר וֵוייסְט עֶר פוּן עֶפֶּעס אַ רְפוּאָה פַאר דַיינֶע אוֹיגְן?" הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט: "דֶער בְּלִינְדֶער אִיז נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט", אָבֶּער דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט, הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט פַאר זַיין שְׁוֶוער: "לָאמִיר אִים פְרֶעגְן". זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "טוּפְקָא מַאן הוּא בְּעָלְמָא", וֶוער אִיז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט? "אָמַר, עֲתִירָא", הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַן עוֹשֶׁר אִיז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער, "אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, בְּמִלּוֹי אִשְׁתְּמַע, דְלָאו מְהֵימְנוּתָא גַּבֵּיהּ", פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶעעֶן מִיר אַז עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, "וְלָאו בַּר מְהֵימְנָא הוּא", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין בַּאגְלֵייבְּטֶער, אִיז וָואס הָאט מֶען צוּ נֶעמֶען פוּן אִים אַן עֵצָה? וַוייל אֵיינֶער וָואס מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן גֶעלְט - אִיז אַ נַאר; דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע אוֹיף דִי וֶועלְט זֶענֶען דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שָׁם): "דְהָא קְדוּשָּׁא דִלְעֵילָּא, לָא שַׁרְיָא בַּאֲתַר פָּגִים", אוֹיבּ מֶען הָאט אַ מוּם - רוּט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם זוֹהַר אַן אֲרִיכוּת פוּן הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי תּוֹרָה מַהֲדוּרָא תִּנְיָינָא, סִימָן נד), וָואס עֶר פְרֶעגְט, מִיר וֵוייסְן דָאךְ פוּן אַזוֹיפִיל צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פֶּעלֶערְדִיג, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; דַאכְט זִיךְ מִיר עֶר בְּלַייבְּט בַּיי דִי קַשְׁיָא.

אוּלַי יֵשׁ לוֹמַר, אֲתַר פָּגִים, דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס גֵייט בַּיים הָמוֹן עַם מִיטְן גוּף; אַז מֶען הָאט אַ פֶּעלֶער אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרָאפּ אַ שְׁטַאפְּל, צְוֵוייט קְלַאסִיג; מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַנְדֶערְשׁ אִיז בַּיי דִי צַדִיקִים קְדוֹשִׁים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג בְּשִׂמְחָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֲתַר פָּגִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גַאנְץ מִיט דִי אֱמוּנָה.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת שְׁפֶּעטֶער פוּן מַיין נְסִיעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אוֹיב מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, פֹּה אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן**

**מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... אוּן ... וָואס אִיר זֶענְט בַּיי מִיר בַּאלִיבְּט וִוי מַיינֶע קִינְדֶער**

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, שְׁפִּילְט אַייךְ נִישְׁט מִיט דִי הֲלָכוֹת; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג אוּן בִּיטֶער אוֹיב מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע חֲתוּנָּה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל אַייךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, אָבֶּער אוֹיב וֶועל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן – וֶועט שְׁפֶּעטֶער זַיין גָאר שְׁרֶעקֶעדִיג, ווייל אוֹיב מֶען הִיט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם דִי הֲלָכוֹת – בַּאקוּמְט מֶען לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט.

וּבְכֵן טֵייעֶרֶער ... אוּן ... תְּחִיֶ׳, שְׁפִּילְט אַייךְ נִישְׁט אַרוּם, נֶעמְט עֶס עֶרְנְסְט. אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא. טוּט תְּשׁוּבָה, זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט חֲרָטָה אוּן אִיר גֵייט אַיינְהַאלְטְן אַלֶע הַרְחָקוֹת, וּבִזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ. אִיךְ צִיטֶער אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיךְ וֶוער אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן אַז דִי הַרְחָקוֹת אִיז אַ שְׁפִּיל.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם גֶעפִיל וָואס אִיר הָאט פַאר דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מִילְיָאן דָאלֶער פַאר דִי מוֹסָד, אִיר וֵוייסְט דָאס אַוַודַאי אוּן דָאס הָאט עֶר זִיכֶער גֶעטוּן מִיט אַייעֶר וִוילְן.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן עֶנְק, פוּנֶעם גֶעדַאנְק נָאךְ מֶער פוּן דִי גֶעלְט; אַז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז נִיטְאַמָאל אַ בַּעַל הַבַּיִת, נָאר סַךְ הַכֹּל אַן אַרְבֶּעטֶער - זָאל אֲפִילוּ נָאר טְרַאכְטְן צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר מִיט אַייעֶר מַאן זָאלְן זֶען נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אִיר זָאלְט לֶעבְן מִיט שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם אוּן אַהֲבָה.

אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר עֶנְק.

...

## דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן צְוֵויי זַאכְן וָואס דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן, אֵיינְס, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת - שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב - אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ (אַז דוּ קֶענְסְט - מִיט מִנְיָן, אוּן אַז נִישְׁט - דַאוֶוען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ), צְוֵוייטְנְס, לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא דַיְקָא אִין שְׁטוּבּ.

דָאס דַארְף אִיךְ פוּן דִיר פַאר שַׁדְכָנוּת. אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שִׁידוּךְ, אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַ מַתָּנָה

פַאר דִיר פוּן הִימְל. זָאלְסְטוּ מִיר גֶעבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, דָאס הֵייסְט, אַנְשְׁטָאט דַאוֶועֶנֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנֶען אִינְדְרוּיסְן פוּן שְׁטוּבּ - מַאךְ פַארְקֶערְט, דַאוֶונען נָאר אִין שׁוּל, אוּן לֶערְן אִין שְׁטוּבּ בְּכָל יוֹם אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא.

אִיךְ זָאג דִיר, דוּ וֶועסְט זֶען וִוי אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן, דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן זִיס אוּן שֵׁיין.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פוּן מִירוֹן.

...

**חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם, אִיז יֶעצְט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע הֲפָּצָה**

בְּעֶזְרַת הַ׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם הַ׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דִי ״קֶרֶן הַדְּפָסָה״ זָאל אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם, צָאלְן פַארְן מְתַרְגֵּם זַיין; אִיךְ וִויל זֵייעֶר אִיר זָאלְט עֶס אִיבֶּערְנֶעמֶען אוּן בַּאצָאלְן, דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע אוּן גְרֶעסְטֶע הֲפָּצָה אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג.

אִיךְ גֶעבּ דִיר דִי עֶרְשְׁטֶע צֶען טוּיזְנְט דָאלֶער. אֵיידֶער אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל גֶעבְּרֶענְגְט צֶען טוּיזְנְט דָאלֶער, עֶר דַארְף אַ יְשׁוּעָה; אִיךְ גֶעבּ דִיר אַוֶועק דִי גֶעלְט, לֵייג עֶס אַוֶועק פַאר דֶעם צְוֶועק, נָאר פַאר תַּרְגּוּם חִיזוּק יוֹמִי, דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר אִים.

אִיךְ בִּין דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אוּיף דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן בְּנֻסַּח הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס אוּנְז גֶעגֶעבְּן. אֱמֶת, עֶס אִיז דָא אַ קוֹל הֲבָרָה, דֶער מְשׁוּגֶע׳נֶער ... הָאט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ וִוידִיאָ צוּ

בַּאשְׁמִיצְן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶּער דֶעם אֱמֶת קֶען מֶען נִישְׁט פַארְדֶעקְן, אֱמֶת בְּלַייבְּט אֱמֶת, צַדִיק בְּלַייבְּט צַדִיק, עֶס וֶוערְט בַּיים סוֹף וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ז, טז): "בּוֹר כָּרָה", עֶר גְרָאבְּט אַ גְרוּבּ, אוּן עֶר אַלֵיינְס פַּאלְט אַרַיין אִין דֶעם.

...

## מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג שִׁיקְן דִי חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ...**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט ... בְּנוֹגֵעַ צָאלְן פַּאר דִי חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם, דִי "קֶרֶן הַדְפָּסָה" אִיז גְרֵייט דָאס אִיבֶּער צוּ נֶעמֶען, זֵיי וֶועלְן צָאלְן פַאְרן מְתַרְגֵּם זַיין. בִּיטֶע פַּארְבִּינְד זִיךְ מִיט הָאבְרֵךְ ... עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט, וַוייל מִיר וֶועלְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיבְן אִין הִימְל פַאר יֶעדְן טָאג וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעשִׁיקְט דִי חִיזוּק יוֹמִי הַמְתּוּרְגָם.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בַּאלְד בַּר מִצְוָה מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן, אִיךְ בִּין נָאךְ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אָבֶּער צוּ זֶען דִי חוּרְבָן וָואס דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן גֶעמַאכְט דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - פוּן דֶעם קֶען פְּלַאצְן דִי הַארְץ, אוּן נָאר דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זֵיי אַלֶע צוּרִיק בְּרֶענְגֶען.

לָאז מִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דִי חִיזוּק יוֹמִי מְתּוּרְגָם אִיז צוּרִיק.

...